פרייז 25 גראשען · XVI·ער יאָהרגאַנג · — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. · „Radomer-Kielcer Leben“ 4 (754) · היינט 8 זייטן

Kwiaty cięte
i doniczkowe
po cenach najniższych
poleca
»FLORA«
Radom, Zeromskiego 42.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 27 Stycznia 1939.
ראַדאָם, פרייטאָג ז. שבט תרצ"ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

אָבטיילונג פאַר קעלץ אויף זייט 8

אָבטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און סביבה אויף זייט 7

צו דער האָכצייט
פון פרל. לאָלא גאָלדמאַן
מיט ה' מאַטעל שניידערמאַן
ווינשען מיר זיי גליק און אייביגע צופרידענהייט.
י. ראָטבלאַט און פרוי.

---

די בעסטע ברכות פון מזל,
גליק און צופרידענהייט
ווינש איך מיין זוהן
ירחמיאל
צו זיין האָכצייט מיט פר"ל.
דבורה וויינריב
זאָל די צוקונפט פון יונגען פּאָר זיין א שטראַהלענדע
ליבע מרגליות.

---

Dosia Wajnryb — Rachmil Margules

ZAŚLUBIENI

Radom, w styczniu 1939 r.

---

צו דער חתונה
פון מיין ליעבען ברודער
ירחמיאל
מיט פריילין
דבורה וויינריב
ווינש איך זיי א גליקליך
און צופרידען צוזאַמענלעבען
פנחס מרגליות

---

Drogiemu Bratu i Szwagrowi
*Rachmilowi*
z okazji zaślubin
z p.
*Dosią Wajnrybówną*
najserdeczniejsze życzenia
zasyła
Itka i Mojżesz Wajsbordowie.

---

Serdeczne życzenia
naszemu Bratu i Szwagrowi
*Rachmilowi*
z intencji Jego zaślubin
z p. *Dosią Wajnrybówną*
składa
Dr.-stwo Herc.

---

אונזער פריינד
ירחמיאל מרגליות און פרוי דבורה
צו זייער חתונה
ווינשען מיר א גליקליך צוזאַמענלעבען
חיים, צבי, לוי,
ישראל יצחק צוקער.

---

Z intencji zaślubin kolegi naszego
Raćhmila Margulesa
z p.
Dosią Wajnrybówną
życzymy wiele szczęścia i pomyślności
na nowej drodze życia.
Leon Milman,
Izaak Frydman.

---

אונזער פריינד
ירחמיאל מרגליות
צו זיין האָכצייט מיט פר"ל.
דבורה וויינריב
ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאַמענלעבען.
יחיאל ליפשטיין און פאַמיליע

---

צו דער חתונה
פון אונזער ליעבען ברודער
און שוואָגער
ירחמיאל מרגליות
מיט פריילין
דבורה וויינריב
ווינשען מיר זיי א גליקליך
און צופרידען צוזאַמענלעבען.
אבוש און רעגינא מרגליות

---

Z intencji zaślubin
p. *Rachmila Margulesa*
z p.
*Dosią Wajnrybówną*
szczęścia życzy
Personel
F-my Margules.

---

Z okazji zaślubin mojego kolegi
Rachmila Margulesa z p. Dosią Wajnrybówną
najszczersze i najserdeczniejsze życzenia
składa Arnold Rosenfeld.

---

## Ogłoszenie zapowiedzi ślubnych

צום דריטען מאָהל:

1) אברהם חיים גאָלדבערג בן אהרן און שרה עטיל פון קאָדישעוויטש מיט גיטל לעסלאו בת זיסקינד און טאבא פון ראפאלאוויטש.

2) ישראל שמואל סארגא וועל מאַנדעלזיס בן אברהם מרדכי און חנה פון מאכטינגער מיט רבקה קאָרעק בת אברהם מרדכי און עלקא פון שטיין

3) משה פרץ בעקערמאַן בן בן-ציון און שיינדל פון זאַלצבערג מיט אסתר פישער בת אברהם און ביילא פון קופערשמיט

4) שמחה פלאַנטזביים בן נטע און ביילא רויזא פון וואסערשטיין מיט רייזל יוכבד צוקער בת ישראל הירש און אסתר רחל פון בריקס.

קאַנצעלאַריע פון הרב אב"ד
דפה ראַדאָם

בעמערקונג: צוליב דעם וואס די שוהל איז געשלאָסען, ווערט דאָס מיטגעטיילט דורך דער פרעסע.

---

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען,
גייט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער באַקאַנטער
כעמישער פאַרבעריי און פראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. Hempel

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערציינגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שנעלער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערציינגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאַפּעלושען

# פערמאַכט אַלע בתי־מדרשים, די שוהל, די שטיבלעך חדרים און די יודישע פאָווּשעכנע שולען.

צוליב דער מורא, אַז די עפּידעמיע פון פלעקען־טיפוס זאָל זיך נישט פערשפּרייטען, האָט די סאַניטאַרע מאַכט פעראָרדענט צו פערמאַכען אַלע בתי־תפילות און חדרים מיט די יודישע פאָווּשעכנע שולען.

פאַראַכטאָגען פרייטאָג זענען אַ רייהע בתי־תפילות, צווישען זיי נתן נייּמאַנס בית־מדרש – געשלאָסען געוואָרן. אין שוהל, בית־מדרש, אין טייל שטיבלעך און מנינים האָט מען נאָך פאַראַכטאָגען שבת געדאַווענט. שפּעטער איז אויך די שוהל. דאָס גרויסע בית־מדרש און אַנדערע בתי־תפילות פערמאַכט געוואָרען.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען געזעהן פרומע יודען און אויך אַ סך מענשען וואָס זאָגען קדיש, אַרומלויפען יעדען טאָג אינדערפרי און אין אָוונט, זוכען אַ מנין, וואו צו דאַווענען. מיט יעדען טאָג האָבען זיך אַלץ מעהר געשלאָסען די שטיבלעך און די בתי־תפילות. אויך די פריוואַטע מנינים האָבען אויס מורא פאַר שטראָף, אָבגעזאָגט אַריינצולאָזען די מתפללים,

אויף טייל ערטער האָט מען געדאַווענט מנחה־מעריב אויף די הייף. אונטערן פרייען הימעל. מיט די פריהמאָרגען־תפילות האָט מען דאָס נישט געקענט בעווייזען, ווייל דאַן ברויך מען אָנטוהן טלית און תפילין.

פאַראַכטאָגען פרייטאָג האָט מען אויך געשלאָסען קהל'ט מקוה און דאָט שחט־שטיבל אויף זאַטילנע גאַס.

אויך די יודישע; חדרים און די יודישע פאָווּשעכנע שולען זענען געשלאָסען.

יודען פרעגען זיך פאַרוואָס האָט מען נאָר פערמאַכט די יודישע בתי־תפילות מיט די חדרים און די יודישע שולען און נישט די נישט־יודישע בתי־תפילות און די נישט־יודישע שוהלען, אָבער זיי בעקומען אַנ'ענטפער, אָדער זיי ענטפערען זיך אַליין: מסתמא, ווייל אין די יודישע איז נישט ריין.

אַזוי איז שוין מיט יודען. זיי זענען קיינמאָל נישט ריין: נישט ריין פון זינד, נישט ריין פון חטאים, און עוונות און אויך נישט ריין פון אומריינקייט. אָדער בעסער געזאָגט, יודען ווענען נישט ריין פון אַלע מינים חטאים און כל־ערליי בעשולדיגונגען, נאָר אין איין זאַך זענען זיי ריין: ריין פון ריינקייט...

אינדיווידועלע רייזעס אין:
די לענדער פון דרום און מיטעל־אַמעריקאַ, אַפריקאַ, פּאַלעסטינאַ א אַנד.
בעדינונג פון די פּאַסאַזשירען אין די בעשטימטע פּאָרטען דורך אייגענע אַגענטען.
אַלע פּאָרמאַליטעטען, וואָס זענען פערבינדען מיט'ן אַרויספאָהר
יוגאָסלאַווישער ללאָיד — גענעראַל־פערטרעטערשאַפט אין פּוילען
FRANCOPOL — WARSZAWA — Mazowiecka 9.

# איבערגעלאָזט דעם מאַן און קינדער און אַנטלאָפען מיט אַ געליבטען.

דעם איינוואָהנער פון דאָרף פילאַטקע, הינטער ראדאָם, פראַנצישעק גאַדזשיש האָט גאָרנישט געפעהלט. ער האָט געהאַט 12 מאָרגעס פעלד, און אַ ווייב מיט קינדער.

מיט'ן ווייב האָט ער געוואָהנט 30 יאָהר. דאָס לעבען איז אָוועק גאַנץ צופרידען. מאַן און ווייב האָבען געלעבט בשלום און איינער האָט נישט געהאַט דעם צווייטען וואָס פאַרצוואַרפען

מיט אַ געוויסע צייט צוריק האָט די פרוי זיינע קאַזשימיעראַ, טראָץ דעם וואָס זי איז שוין אַלט געווען 50 יאָהר און געהאַט דערוואַקסענע קינדער, זיך פערליבט אין אַ יונגען פאַראָבעק מיט וועלכען זי איז אַנטלאָפען, פערקויפענדיג פריהער אַ טייל פון דער ווירטשאַפט.

די ליבע האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים, אָבער דורך דער קורצער צייט האָט די פרוי צוזאַמען מיטן געליבטען פערשווענדעט דאָס געלד. דאַן איז דער פאַראָבעק פון איהר אַנטלאָפען און אַ פערלאָזענע, אַנ'אוועקגעוואָרפענע האָט זי זיך אומגעקעהרט צום מאַן, אויסדריקענדיג גרויס חרטה און בעטענדיג ביי איהם ער זאָל איהר מוחל זיין.

ס'איז צוריק געוואָרען גוט, אָבער ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס צעהוליעטע לעבען האָט געלאָזט טיפע שפּורען, אין געשטאַלט פון אַנ' אוּנהיילבאַרע קרענק. די פרוי איז אַנגעשטעקט געוואָרען מיט אַ שווערע ווענערישע קראַנקהייט און מיט דער זעלבער שעדליכער קרענק דערנאָך אַנגעשטעקט אויך דעם מאַן.

פון גרויס אויפרעגונג און פערצווייפלונג האָט זיך דער מאַן און זיין זוהן נוקם געווען אין דער לייכטזיניגער פרוי און א י ה ר געשלאָגען און מאַלטרעטירט. אין אַ צייט אַרום האָט די פאַטאַלע קראַנקהייט אַנגעהויבען נאָך מעהר ווירקען אויף דער פרוי, אויף אַזוי ווייט, אַז זי איז אַראָב פון זין. דעמאָלט האָט דער מאַן זי פערשלאָסען אין אַ בעזונדערע, ליידיקע שטוב, וואו זי איז געלעגען אויף אַ קופּע מיסט, אַנ'אָבגעריסענע, אַ ווילדע און אַ הונגעריגע.

וועגען דעם האָט זיך דערוויסט די פּאָליציי, וועלכע האָט פערפיהרט אַ פּראָצעס געגען מאַן פאַר פייניגען זיין פרוי און בערויבען איהר די פרייהייט, ס'איז אַראָבגעקומען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז פרוי גאַדזשיש געפינט זיך אין גסיסה־צושטאַנד. אין דריי טעג אַרום איז זי געשטאָרבען.

פראַנצישעק גאַדזשיש איז צוגעצויגען געוואָרען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

זיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין היגען קרייז־געריכט, וועלכער האָט נאָכן בעקענען זיך מיטן ענין אַנערקענט, אַז די האַנדלונג פון גאַדזשיש'ן איז נישט געווען דיקטירט פון אַ שלעכטען ווילען, נאָר ער האָט דאָס געטוהן צוליב דעם, ווייל ער געוואָלט איזאָלירן אַ געפעהרלעך קראַנקע פון דער איבעריגער פאַמיליע.

גאַדזשיש איז פרייגעשפּראָכן געוואָרן. אָר.

# וואַזשנע פון ראדאָמער שטאָדט־געריכט בעגאַנגען דעפּראַודאַציעס.

אין שטאָט־געריכט איז געווען וואַזשני אַ געוויסער סטאַניסלאַוו שאַפּריינסקי. זייענדיג אויף דער דאָזיגער שטעלע האָט ער אויסגעפיהרט דעפּראַודאַציעס אויף אַ סומע פון 332 זלאָטעס. דאָס געלד האָט ער בעקומען פון פּעטענטען, וואָס האָבען איהם איינגעצאָהלט אויף זנאָטשקעס אויפצוקלעבען אויף ביטעס. שאַפּריינסקי האָט געאַרבייט ביים „דזיענניק פּאַדאַווטשי". וואו ער האָט די ביטעס געבּרויכט אַריינטראָגען.

געגען שאַפּראַנסקי איז פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס. פאַרן פּראָצעס, האָט זיין פרוי, וועלכע אַרבייט אין דער וויטוואָרניע, אָבגעגעבען דאָס גאַנצע געלד דעם געריכט.

אין געריכט האָט זיך שאַפּריינסקי מודה געווען, אָבער ער האָט זיך פערענטפערט, אַז ער איז געווען קראַנק, און נישט האָבענדיג קיין געלד זיך צו היילען, ווייל ער האָט זיך געפונען אין אַ שווערע מאַטעריעלער לאַגע, איז ער בעגאַנגען די דעפּראַודאַציעס.

עס איז אויסגעהערט געוואָרען אַלט עדות דער ריכטער ליסטקיעוויטש, וועלכער איז געווען דער שעף פון בעשולדיקטען.

שאַפּריינסקי איז פערמשפט געוואָרען אויף אַ יאָהר תפיסה מיט אָבלעגען די שטראָף אויף צוויי יאָהר. אָר.

# אַנ'עהנליכע מעשה מיט אַ סאָלטיס.

אין דאָרף מיכאַלאָוו, נישט ווייט פון ראדאָם, האָט געזאָלט קומען אַ נייער גלח. צוליעב דעם האָט די פּאַראַפיע בעשטעטיגט צו רעסטאַוּרירען דעם קאָשציאָל און מאַכען אַנ'אויפנאַהמע פאַר דעם גלח נאָוואָטשיען. אויף דעם צוועק האָט דער סאָלטיס יאַן קעמפּקאַ אַנגעהויבען זאַמלען געלד צווישען די דאָרפסלייט און פון יעדען דאָרפסמאַן האָט ער גענומען צו 10 גראָשען פון יעדע מאָרגע. ער האָט צונויפגעזאַמעלט איבער 26 זל. און דאָס געלד זיך צוגענומען.

ווען די דאָרפ'סלייט האָבען זיך דערוויסט פון דעם האָבען זיי אַנגעשריבען אַ געמיינזאַמע אַנקלאַגע צום פּראָקוראָר.

דער סאָלטיס קעמפּקאַ האָט געהאַט אַ פּראָצעס אין שטאָדט־געריכט, עס האָט איהם פערטיידיגט דער אַדוו. גאַיעוויטש, וועלכער האָט זיך בעמיהט אויפצווייזען, אַז צו דער בעשולדיגונג פון סאָלטיס קעמפּקאַ האָט גורם געווען דעם גלח נאָוואָטשיען, וועלכער האָט נישט גוט געלעבט מיט'ן סאָלטיס, מחמת דעם וואָס ביידע האָבען געוואָלט פערוואַלטען מיט'ן קאָשציאָל. קעמפּקאַ האָט געשיקט אַנ'אַנקלאַג אין דער ביסקופּען־קוריע און דער גלח איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַנ'אַנדער דאָרף.

קעמפּקאַ ערקלערט, אַז די בעשולדיגונג איז אַנ'אינטריגע פון זיינע געגנער, וועלכע טראָגען אויף איהם אַ שנאה.

צוליב דעם וואָס אַ רייהע עדות האָבען זיך נישט געשטעלט איז דער פּראָצעס אָפּגעלייגט געוואָרען. אָר.

# אַ בריעף אין רעדאַקציע.

אין שייכות מיט דער פון פריהער פּובליקירטער רשימה פון פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך נאָך נישט בעשטייערט לטובת די דייטשע פּליטים, האָט אונז דער ה' ש. קיסטענבערג (פּילסודסקי 6) צוגעשיקט אַ בריעף, וואו ער קלערט אויף פאַרוואָס ער געפונט זיך אויף דער דאָזיגער רשימה.

ה' קיסטענבערג שרייבט:

איך בין אין אַלע פילאַנטראָפּישע אַקציעס אין שטאָדט בעטייליגט מיט אַ סומע, וואָס איך האַלט פאַר ענטשפּרעכענד. אין דעם געגעבענעם פאַל מיט די פּליטים האָב איך אויך אין אַנוועזענהייט פון דיר. פישמאַן פאָרגעלעגט אַ געוויסע סומע, אויף וועלכער דער ה' לעסלאָו איז נישט איינגעגאַנגען.

איך פּראָטעסטיר געגען פּובליקירען מיין נאָמען און פרעג פאַרוואָס קומט מיר צו פיגורירען אויף אָט דער רשימה?

סאַמועל קיסטענבערג.
פּילסודסקי 6

---

רעוואָלווער וואַשיק'ן צו בעהאַלטען, האָבען זיי זיך געלעגט שלאָפען אין סטאָדאָלע, כדי באַלד בעגינען צו לאָזען זיך אין וועג אַריין קיין אָראַנסק.

די פּאָליציי האָט זיי דאָרט געפּאַקט און געבּרענגט קיין ראדאָם.

ביי דער אויספאָרשונג האָבען זיי נעּרובט לייקענען און אַנגעגעבען אַנדערע נעמען. שפּעטער אין קרייז־פערהער האָבען זיי זיך איינגעבראָכען און זיך מודה געווען, איבערגעבענדיג דעם גאַנצען פערלויף פון מאָרד מיט אַלע פּרטים, אפילו פון זייערע רוצחישע פּלענער, וואָס זיי האָבען געהאַט בדעה אויף ווייטער אויסצופירען.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דערשאָסען גרינבערגען האָט סטאַניסלאַוו סטזשעכאַ. ער האָט אויסגעפיהרט די בעפעהלען און פּלענער פון דעם מעהר פערהאַרטעוועטען פערברעכער טאַדעאוש באַנאַשיק. דער מערדער איז קוים אַלט 18 יאָהר.

עס זענען אויך אַרעסטירט געוואָרען די „פשיאַטשעלעס" פון די יונגע באַנדיטען: וואַשיק און קוויאַטקאָווסקי פון דאָרף קאָנטשיצע, ביי וועמען זיי האָבען געקויפט דעם רעוואָלווער. זיי ווערען בעשולדיקט אַלס מאָראַלישע מיטהעלפער אין מאָרד.

נאָכן ערמאָרדען און בערויבען די גרינבערג'ס האָבען די באַנדיטען געפּלאַנט אויסצופיהרען נאָך עטליכע פערברעכערישער רויב־אָנפאַלען אויף ראדאָמער איינוואָהנער.

# אָבטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און אומגעגענד

## אַ געזעלשאַפטליכע פייערונג.

אַ דאַנק דער שטאַרקער אינטענסיווער אַרבייט פון ד"ר יעלען איז ענדליך ענטשטאַנען ביי אונז אַ „טאָז"־אָבטיילונג, וועלכע איז שטאַרק נויטווענדיג ביי אונז לטובת דער פעראָרימטער יודישע בעפעלקערונג.

לעצטענס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ „טאָז"־אַמבולאַטאָריום, וואו די יודישע בעפעלקערונג בעקומט די געהעריגע אָנווייזונגען צוזאַמען מיט מעדיצינישע עצות און הייל־מיטלען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ פייערליכקייט לכבוד דער ערעפענונג פון דערמאָהנטען אַמבולאַטאָריום.

צו דער פייערליכקייט זענען געוועזען איינגעלאַדענט פאָרשטעהער פון די מאַכט, פון יודישע געז. און פּאָליטישע אינסטיטוציעס. ווי אויך פאָרשטעהער פון שכנות'דיגע שטעדט.

די יודישע בעפעלקערונג האָט זיך זעהר וואַרעם אַנגערופען און עס זענען געוועזען פערזאַמעלט פאָרשטעהער פון אַלע ריכטונגען.

פון אָפּאַטאָוו איז געקומען אַ דעלעגאַציע מיט'ן דאָרטיגען ד"ר ראַבינאָוויטש אין דער שפּיץ.

די מאַסען־בעטייליגונג בעווייזט די אַנערקענונג וואָס די היגע יודישע געזעלשאַפט שענקט די אָרגאַניזאַטאָרען פון די אַזוי נויטיגע אינסטיטוציע אין אונזער שטאָדט.

וועגען די ציעלען און אויפגאַבען פון „טאָז" האָבען גייסטרייך גערעדט די ה"ה: ד"ר יעלען, ראַבינאָוויטש א. אַנד.

עס איז צו האָפען דאָס די יודישע געזעלשאַפט וועט אויך אויף להבא שטיצען דעם „טאָז" אום מיטצוהעלפען צו ערפילען זיינע וויכטיגע אויפגאַבען.

## דער עטאַט אויפ'ן אָפּעראַציע־טיש.

ווי מיר האָבען שוין פאָריגע וואָך געשריבען האָט זיך די 13־ע דעלעגאַציע געווענדעט צו דער סטאַראָסטווע מיט אַ אַנקלאַגע געגען די קהלה און געגען דער עטאַט־אויסמעסטונג.

אין רעזולטאַט פון דער דערמאָנטער אינטערווענץ איז אַהער געקומען דער ה' סטאַראָסטאַ באַלדאַק און האָט פערזענליך אויסגעהערט ביידע צדדים, אַזוי די קהלה, ווי די בע'עולה'טע.

דערביי איז דערגאַנגען צו העסליכע געגענזייטיגע זידלערייען און מסירות. אַזוי האָט מען פאָרגעשטעלט פאַר'ן ה' סטאַראָסטאַ איין בע'עולה'טען אַלס אַג'אייגענטימער פון הייזער אין אויסלאַנד, דעם צווייטען אַלס אַ מענש פון אייגענע לוקסוס־טאַקסובקעס און אַ פערשטעלטע קאָאָפּעראַטיווע באַנק, א.אַז.וו.

א. אַז. וו. דער צווייטער צד ווידער איז געקומען מיט זיין פאָרשטעהער־ אַ קריסטליכען אַדוואָקאַט און מען האָט פערשוואַרצט די קהלה, אַז בעסער וואָלט עס שוין טשעטשאַק זיך נישט געוואונשען.

עס איז וכדי בזיון וקצף.

• • •

אין ווייטערדיגען לויף פון די געשעהענישען איז דורך די אויפזיכט'ס־מאַכט בעשטימט געוואָרען אַ קאָמיסיע אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: מענדיל בריקמאַן, נפתלי שפּיגעל, לייביש העינע, מענדיל פיש, רובינשטיין, וואַכאַלדער, פליישמאַן, מוצמאַכער, וועסטיל, גרינבלאַט, שטאַם, ציגעלמאַן, בליקזילבער צוזאַמען 13 פּערזאָן. די 13־ער דעלעגאַציע האָט געבוירען אַ 13־ער קאָמיסיע (ווידער די דאָפּעלטע סימבאָליק!) די דערמאָנטע קאָמיסיע ברויך דאָס דורכפיהרען די עטאַט־אָפּעראַציע.

פאָרלויפיג, זענען געשטראָכען געוואָרען פון בודזשעט אין גרעסטען טייל אַלע נויטיגסטע פּאָזיציעס ווי: דאַכלאָזע, פּליטים, גמי"ח־קאַסע, „טאָז" „צענטאָס" צוזאַמען איז געשטראָכען געוואָרען 8000 זל.

די קאָמיסיע איז טעטיג אונטער די אויפזיכט פון ה' וויצע סטאַראָסטאַ און אַ סטאַראָסטוואַ־רעפערענט.

## פּראָצעס צוליב עהרען־וואָרט.

דעם 25 ד. ח. קומט פאָר דער פּראָצעס אין קרייז־געריכט געגען היגען בונדישען פיהרער שמעון פישמאַן, וועלכער ווערט בעשולדיגט (וועגען וואָס מיר האָבען שוין אין ראַד. קעלצ. לעבען בעריכטעט) אין אַראָבנעמען אַנטיסעמיטישען פּלאַקאַט און וועלכער האָט — לויט די בעשולדיגונג — ערקלערט, אַז ער איז געבונדען מיט אַן עהרען וואָרט און קען דעריבער נישט אויסגעבען די נעמען פון די אַנטיסעמיטישע בעקעמפער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, דאָס קיין שום נישט־יודישער אַדוואָקאַט וויל דעם ה' פישמאַן נישט פערטיידיגען.

